# דער גערער רבי צוריקגעקו־מען פון ארץ־ישראל.

נעכטען ארום 10 אזייגער אינדערפריה איז קיין ווארשא צוריקגעקומען פון ארץ־ישראל דער גערער רבי מיט זיין פרוי. אויפ'ן ווינער וואקזאל האט דעם רבי'ן אפגעווארט א גרויסער עולם חסידים, וואס האבען איהם געקומען געבען שלום.

אויך אלעקסאנדער, וואו דער רבי וואוינט ביי זיין טאכטער, קומען הונ־דערטער חסידים באגעגענען איהם שלום.

# ברויט פערקויף.

צוליעב דעם, וואס די לעצטע צייט האבען זיך ווידער אנגעהויבען בעוועגען צאנקעס פאר די פערקויף־פונקטען, מעלדעט דער פראוויאנטירונגס־אמט, אז עס וועלען נישט ריכטיג די ערקלערונגען פון די פערקויפער, דאס עס פעהלט ברויט, וואס דער אמט מאכט צו פערקויפען פאר זייערן קאנטינגענט. דער מאגיסטראט בעווייזט איז, וואס אין די בעשטעלונגען פון אמט ליגט נישט־פערקויפטער ברויט. די פערקויפער, וואס ערקלערען, אז עס פעהלט ברויט, טהוען עס נאר צוליעב שפעקולאציע, כדי זיי זאלען קאנען דער־נאך דעם נישט־אויספערקויפטען ברויט פערקויפען צו העכערע פרייזען.

דאס ברויט, וואס דער פראוויאנטי־רונגס־אמט באקט־אויס, ווערט פערקויפט אין 86 שטעלען צום פרייז פון 40 מארק א פונט. דער פראוויאנטירונגס־אמט איז גרייט צו פערגרעסערען די צאהל בעקע־רייען אין פאל, אז עס וועט נויטיג זיין.

דאס ברויט, וואס ווערט אויסגעבאקען אין די בעקערייען פון פראוויאנטירונגס־אמט איז פון ריינעם און גוטען אמערי־קאנער מעהל און צוליעב זיין ביליגען פרייז איז ער א קאנקורענץ־ארטיקעל, געגען וועלכען די שפעקולאנטען קעמפען מיט נישט קיין ריינע מיטלען. וועגען אלע מיסברויכען דארף מען מעלדען אין אמט, טלומאצקא 3, אדער דורכ'ן טעלעפאן 27-921.

# די היינטיגע פראצעסיעס.

היינט וועלען, ווי אלע יאהרען, פאר־קומען פון אייניגע קאפעלען גרויסע רעליגיעזע פראצעסיעס. די פראצעסיעס וועלען פארקומען האלב 12 אינדערפריה און 5 6 נאכמיטאג.

Jewish Historical Press (www.jpress.org.il) Brought to you by: The National Library of Israel and Tel Aviv University